צווישן אַנדערן, אַז „ישראל שטערן — אַזוי האָט מען גערעדט — האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטימע איבערלעבונג, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַן אייביקע וואונד אין זיין לעבן, אַן אומהיילבאַרע וואונד, און דעריבער קומט ער אַזוי פיל אָפּ". אויך מנחם פלאַקסער, אין זיין ביאָגראַפישן אַריינפיר, דערמאָנט וועגן שטערנס אַ טראַגישער איבערלעבונג אין די פריע יאָרן זיינע, וואָס האָט געלייגט אַ שווערן חותם אויפן גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג פון זיין לעבן און אויפן כאַראַקטער פון זיינע לידער.

צי זאָלן מיר אָננעמען, אַז אָט די איינמאָליקע פאַרבאַרגענע איבערלעבונג שטערנס, וואָס איר סוד האָט דער דיכטער קיינמאָל דורך זיינע לידער נישט אַנטפּלעקט, זאָל ווערן די הויפּט־סיבה פון דעם גאַנצן — ווי עס לאָזט זיך באַצייכענען — קאַטאַסטראָפישן מהות פון זיין דיכטונג? — מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען אַ טעות אַזוי צו מיינען.

געוויס האָט די איינמאָליקע פאַרבאַרגענע איבערלעבונג געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין געמיט צו פאַרשטאַרקן זיין דיכטערישע גרונט־טראַגיק. אָבער דער עצם־מהות פון זיין ליד האָט געוויס געוואָרצלט טיף אין זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט, ווי זי האָט זיך געפורעמט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן און איינגעזאַפּט אין זיך באַזונדערע טרויעריקע שאַרפקייטן, סיי אינדיווידועל־פּערזענלעכע, סיי נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע.

לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן האָט ישראל שטערן געמאַכט זיין ערשטן דיכטערישן אַרויסטריט אין וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק", אין 1919. גלייך נאָך דעם האָט ער אָפּגעדרוקט אַ סעריע לידער (ווי כ'האָב שוין דערמאָנט) אין הלל צייטלינס שריפט „דער סנה". שפּעטער זיינען געקומען זיינע לענגערע פּאָעמעס „פרילינג אין שפּיטאָל"; „אַסטראַלענקע" („ליטעראַרישע בלעטער", 1927).

שוין גאָר אין די ערשטע לידער זעט מען דעם דיכטערס הויפּט־שטריכן, וואָס האָבן שפּעטער אָנגענומען זייער פאַרשאַרפטן אופן פון

אויסדרוק, — אָן אופן צו אידענטיפיצירן זיך מיט דוממים, מיט שטומע זאַכן אין דער נאַטור און אין שטאָט — אין גאַס, אין שטוב — מיט טראָטואַר, מיט סלופּ, מיט בוים, מיט שטיינער, מיט וואַנט, מיט וואָלקן, מיט הונט, — אַזוי ווי ער וואָלט דורך זיי דערזען זיין גודל ערגער פון זייערן, און ווי ער וואָלט זיי מקנא געווען. —

ער זאָגט טאַקע אין אַ ליד:

איך בין קיינעם נישט מקנא
סיידן דעם געזאַנג פון אַ קאַסע
פאַרנאַכט אין אַ דאָרף.

אָדער:

מיין אומעט
הענגט אַראָפּ פון אַלעביימער
און פאַלט נישט צו דער ערד. — — —

אין איינס פון זיינע גאָר ערשטע לידער „בשעתן שוואַרצן רעגן", זעט מען שוין די געדיכטקייט פון זיין טרויער און ווי עס נעמען אים שוין דורך אַנונגען וועגן „געשטאָרבענע ברידערלעך, וואָס קומען צו אים און שלעפּן אים פאַר די פינגער פון די פיס צו זיך"... און ער טענהט:

— — — דו וויסט אונדזערע ערטער —
ווילדע וועגן אין אַ ווילדן וואַלד,
און דו האָסט געשוואוירן
ביי דער הייליקייט פון דיין רחמנות
נים לאָזן אונטערגיין
אונדזער קליינע וועלט;
זע, אונדזערע אַלטע ביימער האָט אומגעוואָרפן דער שטורעם,
מיר, יונגע,
שלאָגן פאַרצווייפלט די קעפּ ווי גראָז אָן דער ערד.

און דאָס איז געווען מיט צוויי צענדליק יאָר פאַר מאַידאַנעק און פאַר וואַרשעווער געטאָ. —

ער האָט אָרומגעשפּאַנט איבער די דראַמאַטישע פּרייע וואַרשע־וועער גאַסן און געפרעגט אַזינע שטערנישע פראַגעס:

פאַרוואָס איז יעדער סלופּ און יעדער דאַך
איבער זיין אייגענעם געשטאַלט אַ האָר,
און פאַרוואָס לאָז איך אַראָפּ די ברעמען? —
צי בין איך ערגער פונעם טראָטואַר,
וואָס ליגט צופרידן און דאַרף זיך נישט שעמען
צו קוקן דעם הימל אין די אויגן?

(די תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג)

האָט אים דען עמיץ דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז עס קען טאַקע קומען אַזאַ בייטאָג, ווען אים און אַלע יידן אין וואַרשע וועט זיין ערגער פונעם טראָטואַר? — אָבער מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז עס געשען. דעם טראָטואַר איז געווען בעסער. און ער, שטערן, האָט געזוכט ווי צוצופאַלן צום טראָטואַר און בלייבן אויף אים ליגן. — — —

• • •

משה גראָסמאַן אין זיין בוך „היימישע געשטאַלטן" (תל־אביב, 1953) דערציילט, ווי אַזוי נאָמבערג האָט אויפגענומען מיט עקסטאַז די „שפּיטאַל לידער" פון ישראל שטערן, דעם „מאָדנעם טשודאַטשנעם בן אדם", און ווי ער אַליין, גראָסמאַן, איז אים אַמאָל נאָכגעגאַנגען מיט באַוואונדערונג איבער די גאַסן:

— — — „איך בין אים נאָכגעגאַנגען, שרייבט גראָסמאַן, העכער אַ שעה צייט איבער די וואַרשעווער יידישע גאַסן, אים נאָכגעקוקט, אָבסערווירט. ער טראָגט אַלטע, אָפּגעטראָגענע, אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים, אַזוי אויך די שיך און אַזוי אויך — זיין פּנים — פאַרמאַ־

טערט, אָפּגעטראָגן, צעקנייטשט, פאַרשטויבט. נאָר די אויגן — העלע, בראשיתדיק קינדערשע, מיט אַ פּייערל פון אמונה־ליכט. — — — ער וויגט זיך אין גאַנג, פאַרדבקהט, אַ משולח, אַ פרעמדער גאַסט, אַן אומבאַקאַנטער אורח...״

גראָסמאַנס שילדערונג שטימט דורכאויס מיט דעם איינדרוק וואָס ישראל שטערן האָט אויך אויף מיר געמאַכט, ווען כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט בשעת איך האָב, ווי שוין דערמאָנט פריער, באַזוכט וואַרשע אין 1925. איך זאָג: באַקענט, אָבער נישט אַזוי לייכט איז געווען צו באַקענען זיך מיט אים. אין ליטעראַטן פאַראיין אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז ער נישט געווען קיין צו־אָפטער אַריינקומער. וואַרשעווער קאָלעגן האָבן דערציילט וועגן אים אַ סך חידושים, גערעדט וועגן אים מיט אַ ביסל שמייכל אויף די ליפּן, אָבער אין תוך מיט אַ סך אינער־לעכער באַציאונג צו אים. איין מאָל האָב איך אים יאָ געטראָפן אין ליטעראַטן פאַראיין. ער האָט אויסגעזען טאַקע אַזוי ווי גראָסמאַן שילדערט אים. ער איז געזעסן אַן אַ זייט, אַליין פאַר זיך, פאַרטאָן אין זיך. געזעסן און געשוויגן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, זיך פאַר־געשטעלט פאַר אים. — איך וויל זיך באַקענען מיט אייך, קאָלעגע שטערן, האָב איך געזאָגט. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, זיינע מילדע אויגן האָבן מיך דורכגענומען. — איך וויל עס אויך גערן, האָט ער געזאָגט. ער האָט אַריינגענומען מיין האַנט אין זיינער. אַ ברייטע, אַ פעסטע, אַ שווערע איז זיין האַנט געווען. איך געדענק ביז היינט אָט דעם האַנטדרוק זיינעם. — איך האָב גראָד די טעג געלייענט, האָט ער מיט אַ שטילן קול געזאָגט, אייער פּאָעמע „דער וואָלף״ און כ׳בין שטאַרק באַווירקט פון איר. — פאַרוואָס גראָד „דער וואָלף״? האָב איך אים געפרעגט. — ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, דערנאָך אַ זאָג געטאָן: ווייל אַזוי איז עס, אַזוי איז עס. — — — כ׳האָב אים איבערגעגעבן מיין טיפן איינדרוק וואָס כ׳האָב געהאָט פון די לידער זיינע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען. ער האָט מיר געדאַנקט. דערנאָך געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. כ׳האָב אים צום סוף אַ פרעג געגעבן, צי וואָלט ער וועלן פאָרן קיין אַמעריקע? און ער האָט שווער אַ זאָג געטאָן: — וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — — —